פֿישל ליבערמאַן

# קאַלדונעק וואַסער-טרעגער

קאַלדונעק, אָדער קורץ ״קאַלבן״ — מיט די נעמען איז ער געווען באַקאַנט אין ייִדישן תּחום. ווי ער האָט אמתדיק געהייסן האָט קיינער נישט געוווּסט. ווען מ׳האָט אים אין שׂימחת-תּורה אויפֿגערופֿן צום ספֿר האָט ער זיך געמוזט לאַנג מוחן ווי דער הייסט, און ס׳רובֿ מאָל האָט ער פֿאַרטוישט זײַן נאָמען מיטן פֿאָטערס נאָמען. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז די גאַנצע קהילה רופֿט אים ״קאַלודנעק״, ״קאַלבן״.

ער איז געווען אַ הויכער ייִד מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס. די קאָלטענעוואַטע באָרד איז בײַ אים געווען פֿאַרוואַקסן ביז אין די אויגן אַרײַן. זײַן נאָז איז געלעגן אַ ביסל פֿאַרקרימט, צו דער לינקער באַק צו. זײַנע אַקסלען זײַנען געווען הויקערדיק, געגנוי צוגעפּאַסט צו דער נאָשעלע, וואָס איז אויף זײַנע אַקסלען געווען זײַט כּמה וכּמה יאָרן.

אַ סך נגידישע הײַזער האָט ער טאָג פֿאַר טאָג פֿאַרזאָרגט מיט פֿריש וואַסער פֿונעם אײַזערנעם פּלומפּל. דאָס וואַסער פֿונעם אײַזערנעם פּלומפּל האָט געהאַט אַ שם-דבֿר צווישן די בעל-הביתטעס פֿאַר דאָס געזינסטע וואַסער פֿון דער גאַנצער געגנט. ווינטערצײַט, ווען דער פֿראָסט איז געוואַקסן, האָט קאַלדונעק פֿאַרפּאַקט די פּלומפּ מיט שטרוי און פֿאַרבונדן מיט אַ שטריק, כּדי צו באַשירעמען ס׳זאָל חס ושלום נישט פֿאַרפֿרוירן ווערן.

יעדן פֿרימאָרגנס אַזוי ווי ס׳האָט נאָר געטאָגט האָט ער אין דער גיך אַרײַנגעכאַפּט אַ דאַווענען און זייער אײַליק פֿאַרלייגט די נאַשעלע און אַהינגעלויפֿן צו דער פּלומפּ, קײַענדיק אַ שטיק ברויט. ווי אַן אַווטאָמאַט איז ער געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אָן אָפּרוען זיך — פֿון דער פּלומפּ ביז צו די וואַסערפֿעסער אין די שטובן, און ווידער צוריק צום פּלומפּל. די הילצערנע וואַסערקאַנען האָבן זיך שווער געוואָרפֿן אויף די אײַזערנע קייטן, צונויפֿשטויסנדיק זיך מיט זײַנע אויסגעריבענע, נאַסע הויזן. סײַ זומער סײַ ווינטער האָט ער געטראָגן אַ כאַלאַט צוגעדראָטעוועט מיט אַ פּאָר לאַטעס, און פֿאַרבונדן מיט אַ גראָבן שטריק אַרום די לענדן. געגעסן האָט ער פֿון דעם וואָס ס׳איז איבעריק געבליבן פֿון די מאָלצײַטן אין די נגידישע הײַזער.

זעלטן ווען האָט ער צו עמעצן אַ וואָרט גערעדט. ר׳האָט די וואַסערקאַנען שטיל אַרײַנגעטראָגן אין דער קיך, אויפֿגעקלאַפּט ס׳דעקל פֿון וואַסערפֿאַס, אויסגעליידיקט די קאַנען, און מיטן פֿינגער-נעגל האָט ער געמאַכט אַ שטריכל אויף דער וואַנט איבערן פֿאַס. סוף וואָך האָט די בעל-הביתטע אַ קוק געטאָן, וויפֿל שטריכלעך ס׳זײַנען, און צוזאַמענגעחשבונט, וויפֿל געלט קאַלדונעק האָט צו קריגן. דערנאָך האָט זי מיטן שערצל די שטריכן אָפּגעווישט. זײַן איינציקן חבֿר מיט וועמען ער האָט נאָך אַ מאָל אַ פּאָר ווערטער גערעדט איז געווען דאָס פּלומפּל:

״געפֿלינקער גיס, דאָס פֿאַס בײַ דער מאַדאַם מאַרגוליעס איז ליידיק. ... נו-נו, גיס אַ ביסל שנעלער, ס׳איז שוין באַלד שבת.״

ר׳האָט געפּלומפּט זייער אײַליק, און געשווינד געלאָפֿן מיט די קאַנען.

אין שפּעטע אָוונט-שעהען איז ער ערגעץ ווו אײַנגעשלאָפֿן אין אַ קיך, אָדער ליגן געבליבן לעבן די קאַנען אויף די טרעפּ, אין אַ ווינקל בײַ אַ טיר.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, מיט זײַן גורל איז ער געווען צופֿרידן.

יעדן ערבֿ-שבת האָט ער דעם גרויסן וואַסערפֿאַס אין בת-מדרש אָנגעגאָסן מיט וואַסער ביז צום זוים, און ווען ייִדן האָבן די הענט זיך געוואַשן צום דאַווענען, האָט ער אַ ברייטן שמייכל געטאָן: ״מײַן וואַסער! אַ לויב דעם אייבערשטן.״

אין די הייסע, תּמוזדיקע טעג, צו מיטאָגצײַט, איז קאַלדונעק אַרײַן אינעם בת-מדרש מיט די קאַנען, און צעטיילט אַ קאַלטן טרונק וואַסער צווישן די בחורים-לערנער; ער האָט עס געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסער מצווה. ווען ר׳האָט געזען ווי די בחורים מאַכן אַ ברכה און טרינקען מיט תּענוג אַ שעפּ קאַלטן וואַסער האָט זײַן האַרץ אָנגעקוואָלן פֿון נחת און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

״וועל איך כאָטשבע האָבן אַ שיטקל זכות אויבן אין הימל?״

ביַי די גמרא-לערנער, און אין דעם וואַסערפּאַס אינעם בת-מדרש, האָט ער אָנגעזאַמלט זיַין חלק עולם-הבא. נישט איינמאָל אַזוי שטיין געבליבן פֿאַרגאַפּט קוקנדיק אויף די לאַנגע טישן מיט די גמרא-בחורים — האָט ער שטאַרק געזיפֿצט: ״און איך קען אפֿילו נישט ריכטיק דאַווענען!״ און ר׳איז שנעל אַרויסגעלאָפֿן, אויסווישנדיק זיך די טרערן פֿון די אויגן, און אַוועק צום איַיזערנעם פּלומפּל.

שבת, ווען ר׳האָט קיין וואַסער געשלעפּט, איז פֿאַר קאַלבן געווען אַ שלעכטער טאָג. ר׳האָט נישט געוווסט וואָס ער זאָל מאַכן אין דעם שבתדיקן טאָג. ר׳האָט געצויגן מיט די ליידיקע אַקסלען אַרויף און אַרונטער, ווי ער וואָלט פּטור ווערן פֿון אַ שווערער מאַסע; אויך די צוויי הענט זיַינען ביַי אים אַרונטערגעהאַנגען איבעריק. און ווען ר׳האָט דערהערט דאָס קלאַפּערן פֿונעם איַיזערנעם פּלומפּערל האָט ער אינסטינקטיוו אַ ציטער געטאָן.

אין אַ זומער-שבת — נאָכן טשאָלנט עסן — האָט ער זיך אַהינגעלייגט אינעם גראָז אויפֿן אַלטן בעת-הכּבֿרות אונטערן בת-מדרש. אין אַ ווינטערדיקן שבת האָט ער זיך געוואַרעמט ביַים אויוון אין בת-מדרש. ווען יצחק מגיד האָט נאָכן שבתדיקן נאָכמיטאָג-שלאָף געדרשהנט מיט זיַין טרויעריק קול און אויפֿגעעפֿנט פֿאַרן עולם דאָס גרויסע גיהנום, האָט קאַלדונעק דערזען ווי דער זינדיקער וואַסער-טרעגער ווערט אויף יענער וועלט דערטרונקען אינעם גרויסן סמאָלע-קעסל. ער האָט אויפֿגעשפּרונגען מיט פּחד און געכאַפּט אַ תּהילימל. כליפּענדיק האָט ער אַרויסגעשטאַמלט צעבראָכענע פּסוקים.

אַזוי עלנט צרהדיק ווי ר׳האָט געלעבט, אַזוי איז ער אויך אין איינזאַמקייט פֿאַרשטאָרבן. קיין מענטש איז געווען ביַי אים ווען ער האָט זיַין נשמה אויסגעהויכט. אין אַ פֿרימאָרגנס האָט מען אים געפֿונען ליגן טויט אין אַ ווינקל ביַי אַ הויז, לעבן די וואַסערקאַנען מיט דער נאָשעלע.